טייערע פובליק האַוזינג איינוואוינער,

מיר ווילן אייך געבן אַן אפדעיט איבער די שריט וואָס ניו יאָרק סיטי האַוזינג אויטאָריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) האָט גענומען צו העלפן לינדערן פינאַנציעלע שוועריגקייטן וועלכע פובליק האַוזינג איינוואוינער קענען האבן במשך דעם סטעיט אוו עמערדזשענסי אין ניו יאָרק סיטי צוליב קאָראָנאָ ווייערוס (COVID-19).

NYCHA **האַלט אָפּ עוויקשאַנס פון איינוואוינער** ווילאַנג די סיטי געפינט זיך אין אַ סטעיט אוו עמערדזשענסי.

**NYCHA מוטיגט הויזגעזינדן וואָס ליידן פון אַ פאַרלוסט פון אינקאם זיך צו ווענדן צו אונזער רענט הארדשיפ פראָגראַם.** איר קענט מעגליך קוואַליפיצירן פאַר אַ רענט רעדוקציע אויב אַלע פון די פאָלגנדע באַדינגונגען ווערן נאָכגעקומען:

- עס איז פאַראַן כאָטש אַ 5% רעדוקציע אין גראָס אינקאָם;
- יעצטיגע רענט איז מער ווי 30% פון דעם נעט הויזגעזינד אינקאָם; און
- רעדוקציע פון אינקאם האָט אנגעהאלטן כאָטש צוויי חדשים.

איינוואוינער קענען פאַרלאַנגען אַ רענט רעדוקציע דורך אויספילן אַן אינטערים רעסערטיפיקאַציע דורך דעם NYCHA זעלבסט־סערוויס פּאָרטעל (Self-Service Portal) אויף https://selfserve.nycha.info אָדער דורך רופן זייער פראָפּערטי מענעדזשמענט אפיס צו בעטן אַז מען זאָל שיקן אַ פּאַפּירענע פאָרעם צו אייער היים אַדרעס.

אויב אייער הויזגעזינד ליידט פון אַ פולקאָמע פאַרלוסט פון אינקאַם, קענט איר מעגליך קוואַליפיצירן פאַר NYCHA'ס זעראָ אינקאָם פּאָליסי (Zero Income Policy); ביטע רופט אייער פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפיס זיך צו באַטייליגן אין די באַרעכטיגונג אינטערוויו וואָס פעלט זיך אויס.

אַלס אַ דערמאָנונג, האָבן פובליק האַוזינג איינוואוינער אַכט אופנים צו באַצאָלן דירה געלט, אַריינגערעכנט דורך די מעיל, אָנליין, MyNYCHA, אין אַן אויטאָריזירטע באַנק אָדער קרעדיט פאַראיין, אויפ'ן טעלעפאָן, און נאָך. באַזוכט on.nyc.gov/payrent זיך צו לערנען מער.

NYCHA אַרבעט צוזאַמען מיט סיטי, סטעיט און פעדעראַלע שותפים צו באַאָבאַכטן COVID-19 און זיין ווירקונג אויף די אויטאָריטעט, און צו טון אונזער חלק אָנצוהאַלטן די זיכערהייט און וואוילזיין פון אונזערע איינוואוינער און אָנגעשטעלטע. מיר וועלן פאָרזעצן אייך צו געבן אַפּדעיטס איבער COVID-19 בשעת עס וויקלט זיך אויף. אויב איר האָט פראַגעס אָדער זאָרגן, ביטע רופט דעם קאַסטומער קאָנטאַקט צענטער (Customer Contact Center, CCC) אויף 718-707-7771.

פאַר מער אינפאָרמאַציע, באַזוכט דעם NYCHA וועבזייטל אויף nyc.gov/nycha.

אַ דאַנק פאַר אייער קאָאָפּעראַציע.